# אגרא דבי הילולא
## מרן רבינו הק' בעל דברי יואל זי"ע

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א - פק"ק קרית יואל

## עש"ק ראה כ"ו מנחם אב יומא דהילולא רבא של
# כ"ק מרן רבינו הקדוש בעל "דברי יואל" זי"ע

**כ"ו מנחם אב, עש"ק פרשת ראה, געפאלט אויס די 32'סטע יארצייט פון כ"ק מרן רבינו הגאון הקדוש בעל "דברי יואל" זי"ע.**

**עס איז נישט מעגליך, און עס איז נישטא דאס ארט און פאפיר צו שילדערן מעשי תקפו וגבורתו וואס רבינו הקדוש זי"ע האט אויפגעטוהן אויף די וועלט, ווייל עס איז אין א בחינה פון רחבה מני ים, אין יעדן הינזיכט וואס דער רבי האט נאר געטון און אויפגעטון, און קיינער קען זיך נישט פארמעסטן דאס אראפצושרייבן אויפן שריפטליכן ווארט.**

**ווען מיר אבער פרובירן - לתועלת אונזערע טייערע תלמידים שיחי', וואס לערנען אינעם רבי'נס הייליגע מוסדות און ווילן זיך פירן לאור תורתו הבהיר ווי דער רבי האט אונז געלערנט - צו איבערלויפן אין א כראנאלאגישן סדר די רייכע לעבנס ביאגראפיע פונעם רבי'ן - לויט די יארן פון זיין געבוירט ביז צו די פטירה - מיט קורצע שטריכן און שילדערונגען פון זיינע געוואלדיגע אויפטוען אויף די וועלט.**

### ואלה תולדות

**תרמ"ז:** דער הייליגער רבי מרן **יואל טייטלבוים** זי"ע איז געבוירן געווארן ח"י טבת, צו זיין גרויסן פאטער הגה"ק רבי **חנני' יו"ט ליפא טייטלבוים**, בעל קדושת יו"ט מסיגוט, בן הגה"ק רבי **יקותיאל יודא טייטלבוים** בעל ייטב לב מסיגוט, בן הגה"ק רבי **אלעזר ניסן טייטלבוים** אבד"ק דראביטש, בן מרן הגה"ק רבי **משה טייטלבוים** בעל ישמח משה מאיהעל.

זיין מוטער הרבנית **חנה** ע"ה איז געווען די טאכטער פון הגה"ק רבי **יואל אשכנזי** זצ"ל אב"ד זלאטשוב בעמח"ס שו"ת מהר"י אשכנזי, בן הגה"ק רבי **משה דוד אשכנזי** אב"ד טאלטשעווע, דער שווער פונעם **ייטב לב**.

**תרנ"א:** אלס 4 יעריג קינד איז הגה"ק ר' **מרדכי'לע נאדבורנער** זי"ע געקומען אויף א שבת קיין סיגעט, און האט דעם רבי'ן פארהערט, דער רבי האט פון אים געהערט פארשידענע זאכן וואס ער פלעגט אלס נאכזאגן, צווישן די האט ער אים אנגעזאגט אז ער זאל יעדע וואך דורכלערנען חומש רש"י זאגנדיג בלש"ק **"מרדכי'לע האט געקענט גרויסע לייט, וואס האבן נישט געפילעוועט אין חומש רש"י האבן זיי פארגעסן וואו דער אייבערשטער וואוינט"**. די ווערטער פונעם צדיק האט דער רבי כל ימיו געדענקט, און יעדע וואך האט דער רבי ערליך געלערנט חומש רש"י, און ער האט דאס כסדר פארלאנגט פון זיינע תלמידים אז זיי זאלן נישט מתרשל זיין בלימוד חומש רש"י.

שוין אין יענע יארן האט מען דערקענט אז ער איז א ספעציעל געהויבן קינד, ער האט געלערנט מיט א שטארקע התמדה און געהאט א שנעלע און שארפע תפיסה, ער איז געווען א שטארק קלוג און שארף קינד, וואס אלע האבן באוואונדערט זיינע שארפע ווערטלעך און חכמות.

גאר באזונדער איז ער געווען בארימט אלס אפגעהיטן קינד, וואס האט זיך אכטונג געגעבן פון יעדע עבירה ווי פון פייער, און ער האט געטון עניני גמילות חסד מיט גאר גרויסע השגות.

**תרנ"ד:** אלס 7 יעריג יונגל איז ער א חתן געווארן, מיט הרבנית הצדיקת מרת **חוה** ע"ה די טאכטער פון הגה"ק ר' **אברהם חיים הורוויץ זי"ע** דער **פלאנטשער רב**, א זון פון הגה"ק ר' **משה ראזוואדאבער** זי"ע און איידעם ביים הייליגן **ייטב לב** זי"ע (דער ייטב לב ברענגט דברי תורה אין זיין נאמען אין ייט"ל פר' בא וואו ער שרייבט 'חתני הרב הקדוש המפו' ר' משה נ"י').

דער רבי איז נישט געווען בשעת'ן שליסן דעם שידוך, בלויז דער **קדושת יו"ט** איז דארט געווען אין די שטאט ראזוואדאב וואו דער שידוך איז צושטאנד געקומען.

# אגרא דבי הילולא

עטליכע חדשים נאכן שידוך איז דער זיידע דער **ראזוואדאבער רב** נפטר געווארן. ווען דער קוויאשדער רב זצ״ל האט אמאל דערציילט פארן רבי'ן אז ער האט אלס קינד געזען דעם **ראזוואדאבער רב** האט דער רבי רעאגירט ״איך האב דעם ראזוואדאבער רב קיינמאל נישט געזען אבער ווען איך בין א חתן געווארן האט ער מיר געשיקט א זייגער'ל״.

**תרנ״ו:** ט״ו סיון איז פארגעקומען די חתונה פון זיין עלטערן ברודער מרן הגה״ק בעל **עצי חיים** זי״ע, אין די שטאט טורנא, דער רבי איז געווען א ניין יעריג קינד, און דער הייליגער **שינאווער רב** בעל דברי יחזקאל זי״ע האט אים פארהערט די סוגיא פון ״**שיקול הדעת**״, און ער איז ארויס פון התפעלות פון זיין חריפות זאגענדיג ״ער האט א שיינעם שיקול הדעת״.

**מתוך דברי הספד פון כ״ק מרן רבינו בעל ברך משה זצוקללה״ה**

**כ״ו אב תשל״ט**

״אין די צייטן פון זיידן דער צאנזער רב זי״ע האט מען אים געהאלטן פארן גרעסטן אין תורה, עבודה גמילות חסדים, עס איז ידוע וואס דער שינאווער רב זי״ע האט געזאגט 'אפשר איז דא איינער וואס איז אזא תלמיד חכם ווי דער טאטע, אפשר איז דא איינער וואס איז אויך אזוי גרויס אין עבודה ווי דער טאטע, אפשר איז דא איינער וואס איז אזוי גרויס אין גמילות חסדים, אבער אלע אינאיינעם איז נישטא נאר ביים טאטן״.

**״אוי וויי! אויפן פעטער זכרונו לברכה קען מען דאס נישט זאגן, ס'איז נישטא אין דעם דור קיינער וואס איז אזוי גרויס אין אלע 3 עמודים, מען זעט ממש ווי השי״ת האט אראפגעשיקט אין דעם דור אזא גרויסן אור, ווייל עס איז א דור פון אזא חשכות, חשך ענן וערפל, וואס וואלט געווען ווען מיר האבן נישט דעם אור וואס האט אונז אפגעהיטן״!**

## בחור כהלכה

**תר״ס:** ח״י טבת איז דער רבי בר מצוה געווארן, ביי די בר מצוה סעודה האט ער גע'דרש'ענט קרוב צו צוויי שעה כזקן ורגיל דרוש פלפול ואגדה וואס ער זיך אליינס צוזאמענגעשטעלט, וואס דאס איז געווען דער שמועס פון טאג און באריכטעט אין די צייטונגען.

דעם רבי'נס תלמידים דערציילן אז דער רבי האט עטליכע מאל געזאגט אז ער האט געקענט א בחור פון 13 יאר וואס איז געווען בקי אין אלע כתבי האריז״ל, די בחורים האבן געהאלטן אז דער רבי מיינט זיך זעלבסט, נאר ער האט דאס נישט אויסגעזאגט מגודל ענוותנותו.

אלס בחור איז שוין דער רבי געווען באקאנט איבער די גאנצע מדינה אלס א אויסערגעוועגליכער בחור מיט זיין **כח התורה** א תלמיד חכם וירא שמים, און א עובד השם עד להפליא, ער פלעגט זיצן און לערנען 18 שעה א מעת לעת מיט א מורא'דיגע התמדה, און ער איז געווען א בקי בש״ס ופוסקים.

אינעם **עמוד העבודה** איז ער שוין דאן שטארק בארימט געווען, זיין התלהבות'דיגן דאווענען, זיין קריאת שמע שעל המיטה וואס ער האט געלערנט יעדע נאכט איבער 2 שעה מיט בכיות עצומות, און ער איז געווען אפגעשיידט פון אלע תענוגי עולם הזה מיט א מורא'דיגע פרישות.

**עמוד גמילות חסדים**, דער רבי האט אין יענע יארן עוסק געווען אין צוזאמענשטעלן גרעסערע סכומים געלט, פאר ארימעלייט, וואס קיינער האט ניטאמאל געוואוסט אז זיי זענען נצרכים און דער רבי האט זיך פאר זיי געזארגט זיי צו שטיצן בדרך כבוד.

באזונדער האט ער זיך געזארגט פאר ארימע קינדער צווישן זיינע חברים, וואס ער האט געוואוסט אז זיי האבן נישט די וויכטיגסטע זאכן, און מיט זיין חכמה און פקחות האט ער זיי געשטיצט 'מתן בסתר' מיט גרויסע סכומים בדרך כבוד.

**תרס״ד:** דער רבי האט זיך געלאזט פארהערן און איז נסמך געווארן להוראה פון 8 גדולי ישראל פון יענע תקופה, די וואס זענען פאר אונז באקאנט זענען הגה״ק רבי משה גרינוואלד זצ״ל בעל **ערוגת הבשם** מחוסט, הגה״ק רבי שלמה לייב טאבאק זצ״ל, בעל **ערך ש״י** דער סיגוטער דיין, דער באניהאדער רב בעל שו״ת **פרי השדה**, און דער **סעמיהאלער רב** הגה״ק ר' יהודה גרינפעלד זצ״ל, און נאך אנדערע גדולי ישראל.

אין יענעם יאר האט דער רבי באקומען א כתב רבנות פון די שטאט מוזשאוי - וואס דאס האט איהם געהאלפן זיך באפרייען פון מיליטער - דער רבי האט זיך קיינמאל נישט באזעצט אין די שטאט, אבער ער האט אנגעהאלטן דאס רבנות און אהינגעפארן עטליכע מאל א יאר (שפעטער האט דער רבי איבערגעגעבן דאס רבנות פאר זיין פלומעניק הגה״צ ר' יוחנן טווערסקי זצ״ל אן איידעם פונעם עצי חיים זי״ע, דערנאך פאר זיין אנדערן פלומעניק דער מוזשוי'ער רב זצ״ל, אן איידעם ביים ריינזשוב'ער רבי'ן הגה״צ ר' חיים מאיר יחיאל רובין זצ״ל הי״ד דער איידעם פונעם קדושת יו״ט).

## אברך כמדרשו

ח״י שבט, איז פארגעקומען דעם רבי'נס חתונה אין די שטאט סיגוט, די חתונה איז אפגעהאלטן געווארן מיט שענסטן פראכט און גלאנץ, בהשתתפות חסידי סיגוט פון די גאנצע סביבה, וואס זענען געקומען מיטהאלטן די שמחה פון זייער גרויסן רבי'ן **מרן הקדושת יו״ט זי״ע**

וועלכער איז ל"ע שטארק נישט געזונט געווען, און ער איז געווען מוטל על ערש דוי.

יעדן טאג פון די שבע ברכות האט דער רבי געזאגט לענגערע פשט'לעך און דרושים וואס ער האט מחדש געווען.

דער רבי האט געהאט מיט די רעבעצין דריי טעכטער, חי' רויזא, אסתר, רחל. ע"ה.

כ"ט שבט, גלייך נאך די שבע ברכות איז דער הייליגער קדושת יו"ט נסתלק געווארן, דער קדושת יו"ט האט זיך פאר זיין הסתלקות אויסגעדריקט "**וואויל וועט זיין פאר די שטאט וואו ער וועט זיין רב**", ווי אויך האט ער געזאגט אויף אים "**אפילו ווען ער וועט זיין אויפן שפיץ בארג וועט מען אים אויך נאכלויפן**". מיט יארן שפעטער ווען די הייליגע שטאט קרית יואל איז אויפגעשטעלט געווארן האט דער רבי דערציילט די מעשה און אויסגעפירט "**מיט די ווערטער 'אויפן שפיץ בארג' האט דער טאטע געמיינט דאס שטעטל קרית יואל...**"

דאס פלאץ פונעם קדושת יו"ט אין סיגעט האט איבערגענומען זיין עלטסטער זון הגה"ק בעל **עצי חיים** מסיגעט.

גלייך נאך די שלשים, אין חודש ניסן האט זיך דער רבי געצויגן קיין ראדמישלא, און זיך באזעצט נעבן זיין שווער, וועלכער האט דעמאלטס דארט געוואוינט, דער פלאנטשער רב האט געהאט א מורא'דיגע הערצה צום רבי'ן און ער האט אים ליב געהאט אהבת נפש, ער פלעגט אלס אויסרימען זיין גרויסקייט און זיין קדושה וטהרה פאר יעדן פון די גדולי ישראל אדער זקני החסידים וואס זענען צו אים געקומען, ווען איינמאל האט דער פלאנטשער רב געהייסן איינעם פון די אלטע חסידים אז ער זאל אריינגיין צום רבי'ן מיט א קוויטל, און יענער האט נישט געהאט קיין חשק זיך צו פראווען ביי אזא יונגען רבי'ן וואס האט נאכנישט געהאט קיין צייכן פון קיין בארד, האט זיך דער פלאנטשער רב אויסגעדריקט "**מיין איידעם וועט זיין אן אלטער רבי, אבער ער וועט אלס האבן א יונגן פנים**".

עס איז טאקע באקאנט אז דער רבי האט ביז זיין לעצטן טאג געהאט א אויסערגעווענליכע יונגע צורה, ווען זיין פנים האט געלויכטן מיט א פרישקייט, און עס האט זיך נישט אנגעזעהן קיין איין קנייטש אויפן שטערן, וואס גדולי ישראל האבן געזאגט אז דאס איז א סימן אז ער האט קיינמאל נישט געזינדיגט.

דער רבי האט זיך דאן באקאנט געמאכט מיט אסאך גדולי ישראל אין פוילן, ווי הגה"ק בעל **צבי לצדיק מבלאזוב**, און נאך אנדערע.

**תרס"ה:** אין חודש אלול תרס"ד האט זיך דער רבי צוריקגעקערט קיין סיגוט ווי ער האט געוואלט זיין נאנט צו זיין מוטער הצדיקת ע"ה - ווי אויך האט ער נישט געקענט בלייבן אין פוילן וויבאלד די ממשלה האט אים נישט געגעבן קיין ביגערשאפט - עטליכע מאל אינמיטן יאר איז ער געפארן זיך מסתופף זיין בצ"ק פון זיין שווער דער **פלאנטשער רב**.

אויפן ראט פון הגה"ק ר' **ישכר דוב מבעלזא** זי"ע און הגה"ק **מנאסאד** זי"ע - איז דער רבי אריבער וואוינען אין די שטאט סאטמאר - ווי עס איז דעמאלטס געווען דער רב הגה"צ רבי יהודה גרינוואלד זצ"ל בעל **זכרון יהודה** - וואס דעם נאמען פון די שטאט האט דער רבי מיט די יארן פארוואנדלט אין א באגריף פון תורה און אידישקייט.

אינעם ערשטן שבת וואס דער רבי איז דארט געווען האבן זיך שוין צו אים פארזאמעלט די סיגוט'ער חסידים וואס האבן דארט געוואוינט, און דער רבי האט ביי שלש סעודות געזאגט וואונדערליכע טיפע תורות אלט זייענדיג נישט מער ווי 18 יאר.

פון יענעם שבת אנגעהויבן האט זיך אנגעהויבן "דעם רבי'נס שלש סעודות תורות" וואס איז מיט די יארן געווארן וועלט בארימט און האט מחזיר בתשובה געווען טויזנטער אידישע קינדער.

**תרס"ו:** די הייליגע טעג האט שוין דער רבי געדאווענט ביי זיך אין שטוב מיט אן אייגן מנין, דער רבי האט געדאווענט פארן עמוד די תפילות, אויף שמיני עצרת און שמחת תורה זענען געקומען צום רבי'ן די ראשי הקהלה פונעם חסידי'שן בית המדרש אין שטאט, און זיי האבן פארבעטן דעם רבי'ן אז ער זאל קומען פירן די הקפות ביי זיי אין בית המדרש.

נאך א קורצע צייט האט מען געעפענט פארן רבי'ן אן אייגן בית המדרש וואו ער האט אנגעהויבן צו פירן בדרך אבותינו ורבותינו הק'.

דארט האבן זיך צוזאמענגענומען א צאל תלמידים ארום דעם רבי'ן און האבן געוואלט ביי אים לערנען, האט דאן דער רבי צום ערשט מייסד געווען זיין "סאטמארע ישיבה", און געלערנט און מדריך געווען די תלמידים, א זאך וואס ער האט נישט אויפגעגעבן עד זקנה ושיבה.

אין א בריוו וואס דער רבי האט געשריבן בשנת תשי"ב שרייבט ער צווישן אנדערע "**תלי"ת אשר זה יותר מארבעים שנה שהעמדתי תלמידים בישיבה גדולה, מהם רבנים וראשי ישראל**".

אמאל שוין אין אמעריקע ביי אן אסיפה מיט אנדערע רבנים וואו דער רבי איז אויך אנוועזנד געווען, האט זיך הגאון ר' אהרן קאטלער ז"ל דער לעקוואד'ער ראש ישיבה אנגערופן פאר אלע רבנים "מיר זענען אלע מלמדים, דער איינציגסטער רב צווישן אונז איז דער סאטמארער רב" ווען דער רבי האט דאס געהערט איז ער געווארן בלאס און זיך אנגערופן "איך בין אויך א מלמד, אלע יארן לערן איך תורה מיט בחורים"...

אין יענע יארן האט דעם רבי'ס שטערן אנגעהויבן צו שיינען אויפן אייראפע'אישן האריזאנט, פון אלע שטעט און שטעטלעך און פארשידענע קהילות גדולות וחשובות בישראל האבן דעם רבי'ן געלאדענט אז ער זאל

ביי זיי קומען פראווען א שבת, און גדולי ישראל האבן אים אנגעפרעגט שאלות און געוואלט הערן זיין חוות דעת בענינים העומדים על הפרק.

## אבד"ק ארשיווע

**תרע"א:** אין די ספירה טעג האט זיך דער רבי באזעצט אין די שטאט ארשיווע, אין סאלאוואקיי, וואו ער איז געווארן דארט דער רב.

ער האט דארט אויפגעטון גרויסע זאכן אין די ענינים פון חינוך, שחיטה כשרות, מקוואות, צניעות, און דיני תורה וכדו'. ער האט דארט אויך מייסד געווען א גרויסע ישיבה מרביץ צו זיין תורה, און אויפצוטון גרויסע פעולות לכבוד שמים, זייענדיג אלעמאל דער איש חי ורב פעלים מקבציאל.

יענע תקופה, איז געווען זייער באליבט ביים רבי'ן וואס דעמאלטס איז ער געזעסן על התורה, ועל עבודתו הטהורה אן קיין טירדות. ער האט זיך אמאל אויסגעדריקט: "אין ארשיווע האב איך געהאט שיינע נעכט".

**תרע"ד:** ז' ניסן איז נסתלק געווארן זיין מוטער **הרבנית הצדיקת המפורסמת חנה ע"ה.** דער רבי איז דעמאלטס געווען אין סיגוט איבער די שבעה, און נאך די שבעה איז ער צוריק קיין ארשיווע.

אין יענעם יאר האט ל"ע אויסגעבראכן די ערשטע וועלט מלחמה, וואס האט געגרייכט אויך צו די געגענט פון ארשיווע, אסאך אידן האבן צוליב די שווערע אומשטענדן געמוזט אנטלויפן פון שטאט, אויך דער רבי האט דאן איבערגעלאזט ארשיווע.

**תרע"ה:** י"ד תשרי, ערב סוכות איז דער רבי אוועק פון ארשיווע און זיך אומגעקערט קיין סאטמאר, צו זיין בית המדרש'ל וואס האט זיך אין יענע יארן שוין גערופן **"דאס אורשיווע בית המדרש"** וואו דעם רבי'נס תלמידים וחסידים אין סאטמאר האבן געלערנט און געדאווענט. דארט האט זיך דער רבי אויפגעהאלטן ביז צו די ענדע פון די מלחמה.

במשך די יארן וואס דער רבי האט געוואוינט אין סאטמאר, איז זיין בית המדרש געווארן א פלאץ פאר יעדן דורש ומבקש דבר ה', פילע ערליכע אידן פון איבעראל זענען אהינגעקומען צו הערן דעם רבי'נס תפילות און תורות, און זיך געזעגענען געהאלפן צו ווערן מיט רפואות און ישועות.

**תרפ"א:** י"א אלול האט ביים רבי'ן פאסירט א ביטערע טראגעדיע ל"ע, ווען עס איז נפטר געווארן זיין טאכטער, **הבתולה מרת אסתר ע"ה,** אין איינע פון די תשובות דערמאנט דער רבי דעם אומגליק וואס האט אים באטראפן.

**תרפ"ב:** נאכדעם וואס די מלחמה האט זיך גענצליך געענדיגט, און דאס לעבן אין אייראפע האט זיך צוריק נארמאליזירט, האט זיך דער רבי צוריק געקערט פון סאטמאר קיין אורשיווע, וואו ער איז ווייטער אנגעגאנגען מיט זיין הרבצת התורה והפצת הקדושה.

**תרפ"ד:** י"ד אלול האט דער רבי חתונה געמאכט זיין עלטסטע טאכטער הרבנית הצדיקת **מרת חי' רויזא ע"ה**, מיט זיין פלומעניק הגה"צ ר' חנני' יו"ט ליפא מייער (טייטלבוים) זצ"ל, א זון פון **הגה"צ ר' חנוך העניך מייער זצ"ל אבד"ק קערעצקי** זצ"ל (דער שווער פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זצ"ל בזו"ר) אן איידעם ביי מרן הגה"ק בעל קדושת יו"ט זי"ע.

דעם רבי'נס איידעם 'ר' ליפא'לע' וואו מען האט אים גערופן, איז געווארן אויפגענומען אלס סעמיהאלי'ער רב, און שפעטער האט ער געוואוינט נעבן שווער אין סאטמאר און ער איז געווען ראש בי"ד און צוגעהאלפן מיטן פירן דעם רבי'נס ישיבה.

**תרפ"ו:** ווידער האט דעם רבי'ן געטראפן א גרויסער אומגליק, ווען זיין אייניציגער ברודער **הגה"ק בעל עצי חיים זי"ע** איז פלוצלונג נסתלק געווארן ו' שבט, אלט זייענדיג 46 יאר, דער רבי איז געקומען צו פארן אויף די לוי' און ער האט אים שטארק באוויינט זאגענדיג אז יעצט הייבט ער אן צו שפירן דעם פארלוסט מיט די פטירה פונעם טאטן דער **קדושת יו"ט זי"ע.**

(אגב, עס איז באקאנט געווען צווישן די תלמידים און חסידים אז דער עצי חיים האט באזיסן אלע שטריכן און כח הנהגה און אויסזען ווי דער טאטע דער קדושת יו"ט, בעיקר מיטן ערנסטן און שארפן כאראקטער. און אויפן רבי'ן האבן די זקני החסידים מעיד געווען אז ער איז געווען ווי א שפיגעלע פונעם זיידן דער ייטב לב זי"ע, מיט די צורה און אלע אייגעשאפטן און תנועות, בעיקר מיט שמייכל און אויפגעלייגטקייט וואס האט זיך אויף אים אלס אנגעזען, עלטערע אידן תלמידים פון ייטב לב פלעגן זיך שטופן ביים רבי'נס טישן און הקפות ווען טרערן גיסן זיך פון זייערע אויגן זאגענדיג אז זיי זעען יעצט זייער רבי'ן דעם ייטב לב... אזוי אויך האט כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זי"ע מעיד געווען ביי זיין הספד אויפן רבי'ן זי"ע).

דעמאלטס האט דער רבי א שידוך געטוהן מיט זיין צווייטע טאכטער הרבנית הצדיקת רחל ע"ה מיטן עלטסטן זון פון זיין ברודער דער עצ"ח זצ"ל, **הגה"צ ר' זלמן לייב זצ"ל הי"ד** וועלכער איז דאן געווען א יונגער בחור'ל פון 14 יאר. און איז דאן ערוועלט געווארן אלס ממלא מקומו פון זיין פאטער.

## אב"ד קראלי

***י' אדר תרפ"ו***, האט זיך דער רבי אריבערגעצויגן פון ארשיווע קיין קראלי, וואו ער איז אויפגענומען געווארן אלס רב, און דער רבי האט אויפגעשטעלט די שטאט מיט שטארקע תקנות און גדרים וסייגים ביז זי איז געווארן איינע פון די שענסטע שטעט.

**כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זצ"ל** האט דערציילט אין זיין הספד אויפן רבי'ן ככלות השלושים, אז ווען **הגה"ק רבי שאול בראך זצ"ל דער קאשווי'ער רב**, וועלכער איז בעפאר געווען רב אין קראלי, איז געקומען באזוכן די שטאט האט ער זיך נישט געקענט אפוואונדערן ווי שיין די שטאט איז געווארן און ער האט זיך אויסגעדריקט "איך דערקען פשוט נישט די שטאט ווי שיין זי איז געווארן".

האט אים דער רבי געגטפערט בגודל ענותנותו "נאכדעם וואס דער קאשוי'ער רב איז דא געווען איז שוין גארנישט קיין קונץ ווי אזוי די שטאט זעט אויס".

**תרפ"ח:** דער סאטמארער רב הגה"צ בעל **קרן לדוד זצ"ל** איז נסתלק געווארן, און מען האט געבערנגט פארן רבי'ן א קאנסוס אלס סאטמארער רב, אבער דאן האט אויסגעבראכן א מחלוקה אין סאטמאר מצד געוויסע קרייזן וועלכע האבן זייער מורא געהאט פונעם רבי'נס שטארקע כח הנהגה, און דאס האט צוריק געהאלטן דעם רבי'ן פון אננעמען דאס רבנות מיט עטליכע יאר.

**תר"צ:** ט"ז כסלו איז אפגעהאלטן געווארן די גרויסארטיגע חתונה פון רבי'נס טאכטער הרבנית הצדיקת **רחל ע"ה**, מיטן סיגוט'ער רב ר' זלמן לייב זצ"ל. אידן האבן דאן געזאגט אז טראנסלוואניען האט נאך אזא חתונה קיינמאל נישט געזען ווען אזוי פיל גדולי ישראל זעינען צונויפגעקומען זיך משמח זיין מיטן רבי'נס שמחה.

**תרצ"א:** ר"ח ניסן, דעם רבי'ן האט געטראפן א שרעקליכער אומגליק מיט די פלוצים'דיגע פטירה פון זיין טאכטער די סיגוט'ער רעביצין ע"ה, איין יאר נאך די חתונה.

ביי די לוי' פון די רביצין **רחל ע"ה** האט דער רבי געזאגט אז טראצדעם וואס ראש חודש טאר מען נישט מספיד זיין, אבער ווי עס ווערט געברענגט אין של"ה הק' אז א חוטא מעג זיך מתודה זיין, און דער רבי האט מיט ביטערע טרערן זיך מתודה געווען 'חטאתי עויתי פשעתי' אז זי איז נישט נפטר געווארן אין אירע חטאים נאר אין זיינע זינד. דער אנוועזענדער ציבור האט ביטערליך געוויינט הערענדיג די **ווערטער** (ביי די לוי' פון רבינו הק' זי"ע כ"ו אב תשל"ט, ווי אויך ביי די לוי' הרבנית הצדיקת חי' מייזליש ע"ה בת כ"ק רבינו בעל ברך משה זצ"ל האט דאס דער רבי מרן הבר"מ זי"ע נאכגעזאגט מיט בכיות נוראות).

**תרצ"ב:** חמשה עשר באב איז דער רבי געפארן דאס ערשטע מאל קיין ארץ ישראל, עס איז מיטן רבי'ן מיטגעפארן א צאל חסידים ואנשי מעשה, וואס האבן נישט געוואלט פארפאסן אזא געלעגענהייט.

די בני עלי' אין ארץ ישראל זענען מורא'דיג נתפעל געווארן פונעם רבי'נס גדלות, און פילע פון די גדולי ארה"ק ווי הגה"ק **רבי מאטל סלאנים, רבי משה קליערס, רבי אשר זעליג מרגליות** זכר כולם לברכה, זענען דאן גאר נאנט געווארן צום רבי'ן. (די סלאנים'ער חסידים האבן זיך קיינמאל נישט מדבק געווען אין קיין אנדערע רבי'ס, און יעצט ווען מ'האט געהערט אין חצר סלאנים אז די חבריה קדישא איז נאנט געווארן מיטן קראלער רב האט דאס אויסגערופן א שטארקע וואונדער. א קורצע צייט שפעטער איז דער בית אברהם מסלאנים זצ"ל געקומען צו פארן קיין ארץ ישראל, און ער האט געפרעגט זיינע חסידים איבער זייער התקשרות אינעם קראלער רב, האבן זיי געגטפערט אז דער קראלער רב איז עפעס אנדער 'הרי הוא קדוש כתינוק בן יומו')

ביי יענעם באזוך האט דער רבי מייסד געווען זיין בית המדרש אין ירושלים עיה"ק און ער האט דאס א נאמען געגעבן נאך זיין טאכטער ע"ה "**אהל רחל**", דאס בית המדרש - וואס איז שפעטער אריבער אויף א צווייטן ארט - איז נאך ביזן היינטיגן טאג א צענטראלע ביהמ"ד פאר די גאנצע געגנט.

אין יענע צייט וואס דער רבי איז געווען אין ארה"ק איז געווען גלייך נאך די פטירה פון דעם ירושלים'ער רב הגה"ק רבי **יוסף חיים זאנענפעלד** זצ"ל און עס איז געווען א קלער אז מען זאל דעם רבי'ן ממנה זיין אלס רב ואב"ד אויף זיין פלאץ, דער רבי האט אבער נישט מסכים געווען נישט וועלנדיג איבערלאזן זיין הייליגע עדה מיט די ישיבה אין אייראפע.

## אבד"ק סאטמאר

**תרצ"ד:** אין דעם יאר, איז דער רבי אויפגענומען ברוב פאר והדר אלס רב ואב"ד אין די שטאט סאטמאר, י"ב אדר איז דער רבי אהינגעפארן און פון יענעם טאג איז דער רבי באקרוינט געווארן מיטן טיטל "**דער סאטמארער רב**" דער נאמען וואס איז שפעטער געווארן א וועלטס באגריף פון פשרה'לאזע תורה און אידישקייט.

דער רבי האט אין סאטמאר ווידער אויפגעשטעלט זיין בארימטע ישיבה, מיט עטליכע בחורים וואס זענען מיטגעקומען פון קראלי און הונדערטער תלמידים וואס האבן געשטראמט פון איבעראל, די ישיבה האט געציילט לערך 400 בחורים, און פון דארט איז געווען מצודתו פרושה אויפן גאנצן יהדות החרדית אין אייראפע.

אין יענע יארן איז דער רבי געווען פון די גרעסטע מנהיגי ישראל איבער אייראפע, עס איז געווען יצא שמו ושמעו בכל קצוי תבל, זיין ווארט איז געווען אנגענומען איבעראל, און זיין דעת תורה האט מכריע געווען ביי די שווערסטע ענינים וואס זענען עולה געווען על שולחן מלכים.

דער רבי האט שוין אין יענע צייטן געפירט זיין פשרה'לאזע מלחמה קעגן די קליפה הציונית, און ער איז געשטאנען על המשמר נישט צו לאזן די קליפה פון ציונית, מזרחי, אגודה, אריינדרינגען קיין אונגארן, און אינאיינעם מיט אנדערע גדולי ישראל איז געלונגען אויפצושטעלן א חומה בצורה קעגן די אלע פארטייען למיניהם.

**תרצ"ו:** ה' שבט איז נפטר געווארן די רביצין הרבנית הצדיקת מרת **חוה** ע"ה, דער רבי איז דארט געשטאנען ביי די פטירה און געזאגט די פסוקי יחוד, און ער האט איר שטארק באוויינט, אויסדריקנדיג זיך אז ער האט זיך אלס געוואונדערט ווי ס'קומט צו א פרוי אזויפיל חכמה, אבער ס'איז נישט קיין קשיא, ווייל זי איז דאך א ראפשיצער אייניקל"...

ביי די לוי' האט דער רבי ביטערליך געוויינט, אנהייבנדיג דעם הספד מיט די ווערטער 'כל משבריך וגליך עלי עברו'...

**תרצ"ז:** י"ג אלול האט דער רבי חתונה געהאט בזו"ש מיט הרבנית הצדיקת מרת **אלטא פיגא** ע"ה, וועלכע איז געווען א גרויסע מיוחסת, און א גומלת חסדים, און זי האט דעם רבי'ן גאר געטריי באגלייט און באדינט. זי איז נפטר געווארן י"א סיון תשס"א.

**תרצ"ט-תש"ה:** דעם רבי'נס פעולות און איבערלעבענישן אין די מלחמה יארן, זענען שוין געשילדערט געווארן אינעם גליון "עולת שבת בשבתו" כ"א כסלו ומשם תדרשנו.

**תש"ה:** כ"א כסלו איז דער רבי אנגעקומען קיין שווייץ, שבור ורצוץ פון די שווערע איבערלעבענישן פון די מלחמה, דער רבי האט זיך דארט אויפגעהאלטן בערך א האלב יאר ביז אלול ווען ער איז ארויפגעפארן קיין ארץ ישראל, מיטן פלאן דארט צו בלייבן וואוינען.

**תש"ו:** דער רבי איז אין ארץ ישראל אין זייער א שווערן מצב, א שטיק צייט איז דער רבי זייער קראנק און שוואך געווען, דערויף האט ער אנגעהויבן מיט מסירות נפש, אויפצובויען די ישיבה "יטב לב".

## דער רבי אין אמעריקע

**תש"ז:** די חובות און די הוצאות פון די ישיבה זענען שרעקליך, דער רבי פארט קיין אמעריקע שאפן געלט, ראש השנה תש"ז קומט דער רבי אן מיט די שיף קיין ניו יארק, און מוצאי ראש השנה האט ער צום ערשטן מאל באטרעטן דעם אמעריקאנעם באדן, און ער איז תיכף געפארן קיין וויליאמסבורג.

דער רבי איז באמת געקומען נאר צו שאפן געלט, אבער די שווערע אומרועהן אין ארץ ישראל, און די שרעקליכע התגרות באומות פון די ציונים, האבן אים אפגעהאלטן פון צוריק פארן.

די גדולי ישראל אין אמעריקע, בעיקר הגה"צ ר' **מיכאל בער ווייסמאנדל** זצ"ל האבן שטארק געדריקט אויפן רבי'ן אז ער זאל בלייבן אין אמעריקע, און צום סוף האבן זיי גע'פועל'ט, און דער רבי האט איינגעזעהן אז ער האט נישט קיין צווייטע ברירה און ער איז טאקע דא פארבליבן.

פון יענעם טאג וואס דער רבי האט באשלאסן צו בלייבן אין אמעריקע, האט אמעריקע זוכה געווען צו ווערן מקודש ומטוהר דורך די געוואלדיגע כוחות הקדושה וואס דער רבי האט אין איר אריינגעלייגט.

**תש"ח - שח"ת עמך:** אין דעם יאר איז ליידער געווען מעשה שטן הצליח, און די ציוני'סטישע מדינה איז באשטעטיגט געווארן, דער רבי האט געעפענט א הייליגן קאמף קעגן די מדינה, א מלחמת קודש וואס האט אנגעהאלטן עד יומו האחרון, און ווערט פארגעזעצט ביז די ציוני'סטישע מדינה וועט בטל ווערן בקרוב בביאת משיח צדקינו.

פון דעם טאג אן האט דער רבי נישט גערוט, ער האט אימערמידליך לוחם געווען און געקעמפט בחרף נפשו קעגן די ביטערע קליפת הציונות, פאר דעם האט ער מקדיש געווען זיין גאנצן לעבן, יעדע וואך ביי שלש סעודות האט ער געוויינט מיט ביטערע טרערן אויף די שווערע נסיונות וואס דער דור ווערט געפלאגט און ווי מען מוז זיין דערווייטערט פון ציונות.

**תש"י:** דער רבי איז מייסד זיין ישיבה אין אמעריקע, אין דעם קליינעם בית המדרש אויפן אונטערשטן שטאק פון זיין דירה אויף 500 בעדפארד עוו. מיט 5 בחורים ווערט געגרינדעט די ישיבה, הגה"צ רבי שמעון ישראל פאזען זצוק"ל דער **שאפראנער רב** ווערט דער ראש ישיבה.

גלייך נאכדעם האט דער רבי געגרינדעט די תלמוד תורה מיט 7 קינדערלעך, און די מיידל שולע מיט געציילטע מיידלעך, וואס ער האט א נאמען געגעבן "**בית רחל**" ע"ש בתו הצדיקת ע"ה.

**תשי"א:** עס ווערט אפגעקויפט דער בנין 'נעפ מענשאן' אויף 550 בעדפארד עוו. און דער בית המדרש און די ישיבה ציעהן זיך אריבער אהין.

אדר ב', ווערט דער רבי געקרוינט אלס נשיא **העדה החרדית**, און ער איז פון דאן געשטאנען אין נאנטן קאנטאקט מיט די **עדה החרדית** מיט יעדן טריט און שריט.

א שטארקע מלחמה קעגן די ביטערע גזירה פון נעמען פרויען אין מיליטער מיטן נאמען "**גיוס בנות**" פירט דער רבי אן אין יענע יארן, דער רבי האט גוזר געווען א "**יום תענית ותפלה**" אפצורופן די שרעקליכע גזירה.

**תשי"ב:** דער רבי פארט צום דריטן מאל קיין ארץ ישראל, און ער איז מחזק דאס יהדות החרדית, דער רבי האט דעמאלטס מייסד געווען די ערשטע מוסד אין בני ברק על טהרת הקודש ווי מען האט נישט געלערנט אויף די טמא'נע העברעאישע שפראך, וואס א דאנק דעם זענען דערנאך אויפגעשטעלט געווארן נאך צענדליגער אזעלכע מוסדות.

ווי אויך האט דער רבי דאן אויפגעשטעלט אין בני ברק דעם ערשטן בית חינוך לבנות על טהרת הקודש "**בנות ארץ ישראל**".

אויפן וועג קיין ארץ ישראל, האט זיך דער רבי אפגעשטעלט אין אנטווערפן, וואו ער האט געווויילט אויף צוויי שבתים פר' שלח-קרח. און ער האט מייסד געווען די מוסדות "**תורה ויראה**" אין אנטווערפן.

**תשי"ג:** אסרו חג שבועות איז נסתלק געווארן דער ירושלים'ער רב הגאון רבי **זעליג ראובן בענגיס** זצ"ל, און דער רבי איז געקרוינט געווארן אלס **רב ואב"ד ירושלים תובב"א.**

**תשי"ד:** י"ד חשון עש"ק וירא, ווידער האט דעם רבי'ן געטראפן א שרעקליכער אומגליק ווען זיין עלטסטע און לעצט-פארבליבענע טאכטער די **סעמיהאלי'ער רעביצין** איז נפטר געווארן, דער רבי איז געבליבן אליין אן קיין קינדער און איינינקלעך, און צו זיין ווייטאג איז נישט געווען קיין גרעניץ.

# אגרא דבי הילולא

א׳ תצוה האט דער רבי פאררופן דעם ערשטן פראטעסט על אדמת אמעריקע קעגן די גזירה פון ׳גיוס בנות׳, דער פראטעסט האט געהאט א געוואלדיגן אפקלאנג, און עס האט פארשאפט די ביטערע שנאה פון די דרויסענדיגע גאס צום רבי׳ן, וואס האבן נישט געקענט סובל זיין ווי אזוי דער רבי פירט די הייליגע מלחמה אן קיין שום פשרות, און מ׳האט דעם רבי׳ן מצער געווען, מבזה געווען, און גע׳רודפ׳ט מידי יום ביומו.

פאר פסח האט דער רבי צונויפגערופן א גרויסע היסטארישע **אסיפת הרבנים** די ערשטע פון דעם סארט אין אמעריקע, ווען אלע ערליכע רבנים פון אמעריקע זענען צוזאמענגעקומען, און מען האט קובע געווען דעם זמן הדלקת נר שבת א ¼ שעה פאר די שקיעה, און מוצאי שבת לויט שיטת רבינו תם.

**תשט״ו:** דער רבי האט מייסד געווען די רבני׳שע ארגאניזאציע **״התאחדות הרבנים דארה״ב וקאנדא״**, כדי עס זאל זיין א פאראייניגטער רבני׳שער כח וואס זאל לוחם זיין קעגן די אלע פירצות הדור, ובעיקר צו קענען פירן אינאיינעם די מערכה קעגן די קליפה הציונות.

אין זומער איז דער רבי געפארן צום פערטן מאל, דאס ערשטע מאל אלס ירושלים׳ער רב, קיין ארץ ישראל.

די נסיעה האט געהאט א שטארקע סיבה, ווייל דער רבי האט געוואלט איבערוויזן פאר די ערליכע רבנים און רבי׳ס אין ארץ ישראל און זיי אויפקלערן איבער דעם הארבן איסור פון אנטייל נעמען אין די בחירות הטמאות, וואס דאס איז גאר א הארבער איסור, וואס דורכדעם האט מען א חלק אין אלע מעשים פון ציונים.

אינמיטן וועג קיין ארץ ישראל האט זיך דער רבי אפגעשטעלט אין לאנדאן ווי ער האט געוויילט צווי שבתים פר׳ בהעלותך-שלח, דארט איז געווען א מסיבה לטובת די מוסדות הקדושים, דארט האט דער רבי אויפגעשטורעמט קעגן די ציוני׳סטישע מדינה, מיט אזעלכע שארפע ווערטער וואס די לאנדאנער אידן זענען נישט געווען געוואוינט צו הערן.

אין ארץ ישראל איז דער רבי ארויס אין א שטארקן וויכוח מיט די דארטיגע גדולים, ליידער מעשי שטן הצליח און די פאליטישע אקטיוויסטן האבן נישט צוגעלאזט אז דער רבי זאל קענען איבערשמועסן דאס ענין מיט זייערע גדולים, און דאס האט גורם געווען א שרעקליכע האס און שנאה מצד אלע פארטייען קעגן רבי׳ן.

דער רבי האט זיך פון גארנישט דערשראקן, און ער איז ארויס בחרב ובחנית מיט די פייערדיגע דרשות קעגן די ציונים און די רעליגיעזע נאכשלעפער, און ער האט געעפענט די אויגן פון אלע ערליכע אידן צו פארשטיין דעם הארבן זינד פון האבן סיי וועלכע שייכות מיט די ציונים ימ״ש.

**תשט״ז:** דער רבי האט אפגעקויפט דעם ערשטן יונגל קעמפ, ביים חנוכת הבית פונעם קעמפ וואס איז געווען **כ״ו מנחם אב** האט דער רבי געזאגט אז די קעמפ׳ס זענען אויך אינעם כלל פון ״עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל שיקבעו בארץ ישראל״ און ווען משיח וועט קומען וועלן די קעמפ׳ס אויך מיטגיין קיין ארץ ישראל.

**תשי״ז:** יענעם ווינטער איז אין אונגארן געווארן א ׳רעוואלוציע׳ און צענדליגער טויזנטער אידן זענען אנטלאפן פון אונגארן קיין וויען-עסטרייך, די ציוני׳סטן און די אגודה׳יסטן האבן אהינגעשיקט שליחים צו העצן די אידן אז זיי זאלן ארויפגיין קיין ארץ ישראל, אויך א געוויסער רבי א בנש״ק מגזע צאנז האט דאן געארבעט פאר די ציונים ארויפצוטראגן די אידן קיין ארץ ישראל, און זיי אויסשמד׳ן און עס איז פאר זיי פארגעשטאנען א שרעקליכע סכנה.

דער רבי האט דאך שוין געוואוסט די רשעות פון די ציונים וואס זיי האבן געטוען מיט די תימנ׳ער אידן, האט ער געטוהן פעולות אז די אידן זאלן קומען קיין אמעריקע און זיי נישט לאזן גיין מיט די ציונים קיין ארץ ישראל, טויזענטער אידן זענען דאן גערעטעוועט געווארן א דאנק דעם רבי׳ן.

צוליב די שווערע גזירות פון עקירת הדת בארה״ק, האט דער רבי פאררופן ריזיגע מאסן דעמאנסטראציעס אין די ניו יארקער גאסן, וואו דאס יהדות החרדית האט ארויסגעגעבן איר ווי געשריי קעגן די ציונים מיט אירע רשעות.

יענעם יאר האבן די ציונים מלחמה געהאלטן מיט די אראבער און עגיפטן, די באקאנטע **״סיני מלחמה״**, פר׳ וישלח ביי שלש סעודות האט דער רבי מרעיש עולמות געווען דערקעגן און מסביר געווען אז מען טאר נישט האבן קיין התפעלות פון די מעשים פון די ציוני׳סטן.

**תשי״ח:** דער רבי האט צום ערשטן מאל ארויסגעשיקט דעם ציבור דעמאנסטרירן ביז צום ווייסן הויז אין וואשינגטאן. דער פראטעסט איז געווען א געוואלדיגער קידוש שם שמים, און האט געמאכט א אומגעהויערן רושם.

**תשי״ט:** דער רבי פארט צום פינפטן מאל קיין ארץ ישראל. ביי יענעם באזוך האט דער רבי מחנך געווען דעם שיכון **״קרית יואל״** אין בני ברק, וואס איז פון דעמאלטס א לייכט טורעם פאר ערליכע אידן אין די שטאט בני ברק מיט אירע הונדערטער משפחות און מוסדות התורה והחינוך וואס האבן נישט קיין שום שייכות צו קיין זאך וואס איז נוגע די קליפת הציונית.

## ספה״ק ויואל משה

אין יענעם יאר האט דער רבי אנגעהויבן צו שרייבן דעם ספר הק׳ **ויואל משה**, טעג און נעכט וואכן און חדשים, האט **דער** רבי אוועקגעגעבן צו שרייבן דעם הייליגן ספר צו באלייכטן די אויגן פון כלל ישראל אינעם ביטערן גלות. (זע אין גליון ״אוצרות״ לחודש מנחם אב תשע״א די עבודה״ק ווי אזוי דער רבי האט געשריבן דעם ספה״ק).

**תש"כ:** דער רבי גיט ארויס דעם ערשטן מאמר פון זיין הייליגן ספר **"ויואל משה"**, ווי עס איז מבואר דאס הארבקייט פון עובר זיין אויף די דריי שבועות, וואס השי"ת האט באשוואוירן אידישע קינדער נישט צו נעמען די גאולה פאר די צייט.

**תשכ"א:** איז ארויסגעקומען אויף די וועלט דער ספר הקדוש **"ויואל משה"**, וואס ערהאלט דריי מאמרים. מאמר **שלש שבועות**, וואו עס איז מבואר דאס הארבקייט פון עובר זיין אויף די דריי שבועות וואס השי"ת האט באשוואוירן אידישע קינדער נישט צו נעמען די גאולה פאר די צייט. מאמר **ישוב ארץ ישראל** וואו עס איז מבואר אז היינטיגע צייטן איז נישטא קיין שום מצוה צו וואוינען אין ארה"ק, בפרט אונטער די ממשלת הרשעה. מאמר **לשון הקודש**, וואו עס איז מבואר דאס הארבקייט פון צו רעדן די טמא'נע העברעאישע שפראך.

דער ספר **ויואל משה** איז אויך כולל הונדערטער הוראות און הדרכות אין אלע טיילן וואס ערליכע דארפן וויסן ווי אזוי זיך צו פירן.

**כ"ק רבינו בעל ברך משה זצוקללה"ה** שרייבט אין ספה"ק **ברך משה** פר' וישב אז מיטן ספה"ק **ויואל משה** האט דער רבי אפגעראטעוועט דעם גאנצן דור פון נאכגעשלעפט ווערן נאך די ציונים, און א דאנק דעם הייליגן ספר וועט בלייבן א שארית הפליטה וואס וועלן זיך האלטן און דערהאלטן ביז ווען מ'וועט זוכה זיין צו די גאולה שלימה. אין א דרשה וואס רבינו בעל ברך משה זצ"ל האט געזאגט חול המועד פסח תש"ל אין ביהמ"ד הגדול אין וויליאמסבורג האט ער אויסגערופן **"דער הייליגער ספר ויואל משה איז געשריבן געווארן מיט רוח הקודש מתחילתו ועד סופו"**.

**תשכ"ד:** יענעם ווינטער בחודש אדר איז דער רבי ל"ע נישט געזונט געווארן מיט א שווערע בלוט-פארגיפטונג אין די פיס, א שטיק צייט איז דער רבי געווען אין א גרויסע סכנה, און די תפילות פון כלל ישראל האבן אים אויסגעבעטן, און ער איז צוביסלעך געקומען צו די כוחות, אבער פון דאן האט ער שוין געהאט ווייעדיגע פיס. פון אדר ביז ל"ג בעומר איז דער רבי נישט אריינגעקומען צווישן ציבור צוליב די מחלה ל"ע.

**תשכ"ה:** דער רבי איז געפארן די זעקסטע און לעצטע מאל קיין ארץ ישראל, טויזענטער אידן האבן אים דאן פייערליך מקבל פנים געווען, און ווי יעדעס מאל האט ער געהאלטן דרשות און מחזק געווען דאס יהדות החרדית צו קענען ביישטיין די שווערע נסיונות.

**תשכ"ז:** עס טוט זיך א שרעקליכע מהפיכה אויף די וועלט, די ציונים האבן אנגעהויבן א מלחמה מיט זייערע שכנים, און זיי פארטושען די וועלט אז עס הערשט א שרעקליכע סכנה אויף גאנץ ארץ ישראל, דער פאניק איז שרעקליך, דערנאך ווען זיי זיגן די מלחמה ווערט די גאנצע וועלט פארפירט אז עס איז געווען "נסים מער ווי ביי יציאת מצרים" עפ"ל.

די ציונים האבן איינגענומען די אלט שטאט ירושלים, **דער כותל המערבי**, **הר הזתים**, **קבר רחל**, און נאך, די שמחה אפילו ביי ערליכע אידן איז (ליידער) עד אין לשער...

דער רבי זעהט דעם שרעקליכן מצב, ער ווייסט אז ס'איז סכנת נפשות יעצט צו רעדן קעגן די ציונים, אבער ער ברענט ווי א פייער, דער רבי שטורעמט אויף די וועלט ביי די **"נשא תורה"** און די נאכפאלגענדע וואכן בהעלותך, שלח, קרח, (זע אינעם **"עולת שבת בשבתו"** פון אט די וואכן באריכות) און ווייזט אויף אז עס זענען נישט געווען קיין נסים פאר די ציונים, און עס איז כפירה ומינות אזוי צו זאגן.

פון די שלש סעודות תורות האט דער רבי שפעטער מסדר געווען דעם ספר **"על הגאולה ועל התמורה"** וואס יעדעווארט דערפון איז געשריבן געווארן מיט בלוט פון זיין הייליג הארץ, וואס דארט ווערט קלאר אויפגעקלערט דעם קלארן דעת תורה וואו אזוי ערליכע אידן דארפן זיך פירן.

אין די הקדמה צום ספה"ק **על הגאולה** שרייבט דער רבי אז ער האפט אז דער מצב אין ארץ ישראל, און דער ביטערער גייסט פון מינות וואס בלאזט אויף די וועלט זאל אים נישט שאטן צום געזונט, ווייל ער שפירט אז ער האלט עס נישט אויס.

**תשכ"ח:** עת צרה הוא ליעקב, די ציונים האבן פארכאפט א גרויס טייל פון כלל ישראל מיט זייער מינות וכפירה... טויזענטער מאראקאנער קינדער ווערן געברענגט קיין ארץ ישראל און אפגעשמד'עט... דער רבי האלט דאס נישט אויס...

ערב שבת שקלים, דער רבי וויל גיין אין בית המדרש דאווענען מנחה, און פאלט צוזאמען אין א סטראוק ר"ל, דער רבי איז אין אנהויב געווען אין א מורא'דיגע סכנה, אידן איבער די גאנצע וועלט האבן איינגעריסן און מעורר רחמי שמים געווען פאר זיין רפואה, דערויף איז דעם רבי'ן אביסל בעסער געווארן, און ער איז פארבליבן אויף די וועלט נאך איבער 11 יאר.

**תשכ"ט:** דער רבי ווילט רוב יאר אין אפרוה ארט אין בעלל הארבער, אין וויליאמסבורג בויט זיך דער נייער בית המדרש אויף ראדני סט. אויף ראש השנה האט מען שוין געדאווענט אינעם נייעם ביהמ"ד וואס איז נאך געווען אינגאנצן רוי אנעם דאך (אויפן דאך האט מען געצויגן א פלעסטיג).

**תש"ל:** אויף ראש השנה איז דער בית המדרש שוין געווען פארטיג, און דער רבי איז אריינגעקומען און געדאווענט פארן עמוד די תפילות. דאס התעוררות און התרגשות איז געווען עד אין לשער.

# אגרא דבי הילולא

**תשל"א:** אין די הייליגע טעג האט שוין דער רבי געדאווענט פארן עמוד, טאקע שטיל און אפגעשוואכט, אבער דאס התעוררות אין ביהמ"ד איז געווען עד אין לשער.

אסרו חג שבועות איז ווידער געווען א כינוס כללי פון התאחדות הרבנים, און דער רבי איז ערשינען בראש המסובין.

דער רבי איז אויך געקומען באזוכן די בחורים אין קעמפ, דאס ערשטע מאל זייט די מחלה, און יעדע שינוי לטובה אינעם רבי'נס בריאות האט גורם געווען א געוואלדיגע שמחה ביים ציבור וואס האט אין יענע יארן נישט אויפגעהערט מתפלל זיין פאר "**מרן יואל בן חנה לרפו"ש**".

**תשל"ב:** צוביסלעך קומט דער רבי צו די כוחות, ער קומט אין די ישיבה צוויי מאל א יאר צו די פתיחה, און ערשיינט אין בית המדרש אויף שיינע שבתים.

**תשל"ג:** דער רבי קומט צום סעודת הודאה כ"א כסלו, און זאגט דברות קודש צום ערשטן מאל זינט ער איז נישט געזונט.

**תשל"ד:** ענדליך ווערט ערפילט דעם רבי'נס לעבנס באגער, און די הייליגע שטאט **קרית יואל** ווערט אויפגעשטעלט, ג' כי תצא איז געווען דער טאג וואס דאס שטעטל איז באנייט געווארן, דער רבי האלט מיט אלע אנטוויקלונגען, און ער שיינט פאר שמחה מיט יעדעס משפחה וואס ציהט זיך אריין אין שטעטל.

דער רבי אליין איז געווען פון די גאר ערשטע איינוואוינער אין שטעטל, נאך אינמיטן זומער האט דער רבי שוין געוואוינט אין **קרית יואל**, און דארט אנגעגאנגען מיט זיין עבודת הקודש.

דער רבי האט זיך מערערע מאל אויסגעדריקט **"אויב איך האב נישט קיין שטעטל האב איך גארנישט אויפגעטוהן אויף די וועלט"**. וואס דאס האט מען מיט די יארן איינגעזעהן דעם רבי'נס ווייטער בליק, ווען במשך די נאנט צו פערציג יאר איז זיך די הייליגע שטאט צו וואקסן צו א שטאט מיט אריבער 3,500 אידישע משפחות וואס פירן זיך אין די הייליגע וועגן וואס דער רבי האט אונז געלערנט, דער רבי האט דארט אויפגעשטעלט אונזערע הייליגע מוסדות, וואס מיר אלע זיצן און לערנען ווי דעם רבי'נס רצון איז געווען, און גייט היינט ווייטער אן תחת נשיאותו פון **כ"ק מרן רבינו שליט"א**.

אין דעם יאר האט דער רבי מייסד געווען דעם מוסד "**רב טוב**" מיטן ציל צו ראטעווען אידישע קינדער פון די קאמוניסט'ישע מדינות, וואו זיי האבן געהאט אויסצושטייען צרות.

**תשל"ו:** אחרון של פסח איז דער רבי אריינגעפירט געווארן אין שפיטאל מיט א בראך ל"ע, דער רבי איז דורכגעגאנגען א מסוכנ'דיגע אפראציע, און ער איז געווען אין א גרויסע סכנה, א דאנק תפילות ישראל איז ער צוביסלעך געקומען צו די כוחות.

**תשל"ז:** ווידער האט די וועלט געכאפט א טרייסל, די 'רעכטע' פארטייען האבן פארכאפט די מאכט אין די ציוני'סטישע מדינה, און דער נייער פרעמיער מיניסטער מנחם בעגין שר"י, וועלכער האט זיך געהאלטן פאר א פרומער, און עס איז געווען ש"ש שגור בפיו, האט אנגעהויבן צו טיילן געלט פאר מוסדות התורה און דער נסיון פון נעמען געלט פון די רשעים איז געווארן גאר שווער.

דער רבי האט מיט זיינע שוואכע כוחות זיך אנגעגארטעלט און ער איז ארויס אין א פייערדיגן קאמפף, ער האט געשריבן א פייערדיגן בריוו ווי ער ווארענט בכל החומר אז מען זאל נישט נעמען קיין געלט פון די ציונים.

א' סליחות האט מען באנייט דעם **בית המדרש הגדול** אין קרית יואל - וואס דער רבי האט אנגעזאגט פאר די ראה"ק אז 'מ'זאל בויען א גרויס בית המדרש, גרעסער ווי אין וויליאמסבורג, ווייל אויב ח"ו דער גואל צדק וועט נישט קומען וועלן אין קרית יואל וואוינען טויזענטער אידן, און מ'דארף האבן פאר זיי א בית המדרש וואו זיי זאלן דאווענען".

**תשל"ח:** די נסיונות זענען געווארן שווערער, ווען די מוסדות וואס האבן גענומען געלט פון די ציונים האבן באקומען גרויסע געלטער, און די ערליכע מוסדות האבן זיך געמוטשעט מיט מסירות נפש.

דאן האט דער רבי מייסד געווען דעם הייליגן מוסד "**קרן הצלה**", וואס דאס זאל זיין א פאנד פאר אלע ערליכע מוסדות וואס נעמען נישט קיין געלט פון די ציונים, אז זיי זאלן קענען האבן א שטיצע.

אין חודש סיון זענען געקומען צו פארן פון ירושלים עיה"ק די חברי הביד"צ, און אויפן רבי'נס רוף זענען צוזאמענגעקומען טויזענטער אידן אין

### א רמז אויף כ"ו אב אין די תורה

אין ספר תפארת יחזקאל פון הרב הקדוש ר' יחזקאל'ע מערץ זצ"ל שטייט א תורה אזוי:

**"אין פר' כי תבא איז דא 122 פסוקים, אין פר' בחקתי איז דא 78 פסוקים, און אינאיינעם מיט די ר"ת פון ו'היה כ'י, און די ר"ת פון א'ם ב'חוקתי, איז דאס בגימטריא רכ"ט, דאס איז די זעלבע ווי די ווארט ברכ"ה דאס איז א רמז אז אין די תוכחה וואס שטייען אין די ביידע סדרות זענען מרומז אויף ברכות, עכל"ק.**

עס איז מערקווירדיג אז די ראשי תיבות פון די ביידע סדרות וואס אין זיי שטייט די ביטערע תוכחה, ו'היה כ'י און א'ם ב'חוקתי, איז **כ"ו א"ב** וואס דאס צייגט אויף די ביטערע תוכחה וואס איז געקומען אויף כלל ישראל יענעם טאג וואס דער צדיק הדור איז נסתלק געווארן.

# אגרא דבי הילולא

די ריזיגע 'ארמארי' געביידע אין וויליאמסבורג, ווי דער רבי האט געזאגט דברות קודש מיט א פלאם פייער, און מייסד געווען דעם מוסד **קרן הצלה**, און זינט יענעם טאג שטייט קרן הצלה ווי א רוקן ביין פאר אלע מוסדות התורה והחינוך אין ארצינו הקדושה וואס זענען נישט נהנה פון שלטון הציוני.

די ווערטער וואס דער רבי האט געזאגט ביי יענע גרויסע אסיפה במעמד רבבות ישראל, איז פארבליבן ווי א צוואה ביי כלל ישראל, ווי אזוי מען דארף מיט מסירות נפש זיך דערהאלטן ביים הייליגן דרך, און נישט אפנויגן קיין זיז כל שהוא פון אלעם וואס די צדיקים הקודמים האבן אונז געלערנט.

שב"ק פרשת קרח האט מען אפעציעל אנגעהויבן צו דאווענען אינעם ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל, און במשך די פאלגענדע לעצטע 14 חדשים פונעם רבי'נס לעבן אויף די וועלט האט ער געטון זיין הייליגע עבודה אין דעם בית המדרש, שבתים און ימים טובים, און דאס ביהמ"ד איז נתקדש געווארן מיט די הייליגע עבודה פונעם רבי'ן, וואס האט מיט מסירות נפש און יגיעה כבידה געדינט דעם אייבערשטן עד זיבולא בתרייתא.

**תשל"ט:** אין חודש אדר איז דער רבי ארויסגעגאנגען לוחם זיין מלחמת ה' ברמה קעגן די ציונים וואס האבן דאן אויסגעגראבן די קברים פון די הייליגע תנאים ואמוראים ר"ל, ביים ריזיגן פראטעסט אין מעדיסאן סקווער גארדען.

דער רבי האט געלייגט דעם אבן הפנה פאר די סאטמארע מוסדות אין מאנסי 2 חדשים פאר זיין הסתלקות.

דער רבי האט ארויסגעגעבן א הארציגן בריוו פאר אנשי שלומינו מיט אסאך הדרכות, אויף חינוך הבנים והבנות, צניעות, אחדות, און איז פול מיט דברי מוסר ויראת שמים.

שבת מברכים אלול איז א ריזיגער ציבור ארויסגעקומען קיין קרית יואל צום רבי'ן. אינמיטן שבת האט זיך דער רבי נישט גוט געשפירט און מוצש"ק איז ער אריין אין שפיטאל, אידן איבער די גאנצע וועלט האבן מעורר רחמים געווען, אבער די שערי שמים זענען געווען פארשלאסן.

זונטאג פארטאגס 6:40 איז דעם רבי'נס הייליגע נשמה ארויף לגנזי מרומים, **וכל בית ישראל יבכו את השריפה אשר שרף ה'.**

בו ביום איז פארגעקומען די לוי' ווי אלע גדולי ישראל ובראשם **כ"ק רבינו בעל ברך משה זצ"ל** האבן מספיד געווען, און דאן איז דער הייליגער גוף געקומען למנוחתה אויפן בית החיים אין קרית יואל וואס מען האט דעמאלטס מקדש געווען.

דער רבי האט איבערגעלאזט זיין הייליגע עדה טויזנטער אידן איבער די גאנצע וועלט וואס פירן זיך לאור תורתו הבהיר, און פירן זייערע שטובער גענוי ווי דער רבי האט אלע יארן אונז געלערנט, און האבן נישט קיין שייכות מיט די ציונים און זייערע נאכשלעפער.

די טויזנטער תינוקות של בית רבן וואס ווערן ערצויגן אינעם רבי'נס מוסדות וויסן דעם רבי'נס הייליגע שיטה אין אלע ענינים, און זיי ווערן נתחנך לתורה וליראת שמים אזוי ווי דעם רבי'נס הייליגער רצון איז געווען.

במשך איבער א האלבן יובל יארן איז די הייליגע שטאט קרית יואל בכלל, און אונזערע הייליגע מוסדות געשטאנען אונטער די נשיאות פון **מרן רביה"ק בעל ברך משה זצוקללה"ה** וועלכער האט מיט מסירות נפש ווייטער ממשיך געווען די הייליגע עבודה און געבויעט און פארברייטערט די גבולי הקדושה אויף א ריזן פארנעם, ביז צו זיין פטירה כ"ו ניסן שנת "משה עלה למרום" (תשס"ו) לפ"ק.

לאחר פטירתו האט איבערגענומען די הייליגע הנהגה **כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א**, וועלכער איז ממשיך צו פירן די הייליגע מוסדות ע"ד רבוה"ק מיט א געוואלדיגע הצלחה און סייעתא דשמיא.

מיר זענען מתפלל צום אייבערשטן לחיי מלכא, אז דער אייבערשטער זאל געבן פארן רבי'ן שליט"א לאנגע געזונטע יארן, ער זאל אונז קענען פירן אין די הייליגע וועגן וואס אונזערע רבי'ס האבן אונז געלערנט ביז מיר וועלן בקרוב זוכה זיין צו די גאולה שלימה בקרוב במהרה בימינו.

## וואס קענען מיר קינדער טון א טובה פארן הייליגן רבי'נס נשמה???

עס איז געווען מרגלי' בפומי' פון כ"ק רבינו בעל ברך משה זצ"ל צו זאגן ביי די יומא דהילולא פון רבי'ן זי"ע:

דער שינאווער רב זי"ע בעל דברי יחזקאל האט געזאגט נאך פטירה פון זיין טאטן דער הייליגער דברי חיים זי"ע, אז מענטשן מאכן א טעות זיי מיינען אז די ענינים פון זאגן קדיש, לערנען משניות, אנצינדן ליכט, איז בלויז א טובה פאר פשוט'ע מענטשן, דאס איז א טעות, ווייל מיר האבן נישט קיין השגה וואס די זאכן טוען אויף בעולם העליון, און אפילו פאר די נשמה פונעם טאטן זי"ע קען מען אויך א טובה טון דורך די אלע זאכן".

האט דער רבי אויסגעפירט "די זעלבע זאך איז מיט אונז תלמידים פונעם פעטער זי"ע, דורך דעם וואס מיר וועלן לערנען לעילוי נשמתו, און זיך פירן אין די וועגן וואס ער האט אונז געלערנט, וועט דאס זיין א טובה פאר די הייליגע נשמה בעולם העליון".

דאס דארפן מיר קינדער וויסן און געדענקען אז מיר קענען טוהן א טובה פארן רבי'נס נשמה דורכדעם וואס מיר וועלן לערנען און דאווענען און טון מצות ומעשים טובים לעילוי נשמתו. און געדענקען צו זאגן:

"לעילוי נשמת רבינו הקדוש
יואל בן חנני' יו"ט זכותו יגן עלינו"

**זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**

# אגרא דבי הילולא

## ונר אלקים טרם יכבה!

**לכבוד די הילולא פון כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע, וועלן מיר דא איבערגעבן א שילדערונג פונעם לעצטן שבת קודש פרשת ראה, שבת מברכים אלול תשל"ט, אין קרית יואל, וואס איז אויסגעפאלן גענוי אזוי ווי היי יאר**

(קורצע אויסצוגן פון ספר "קרית מלך רב")

... אויף דעם **שבת מברכים אלול** איז ארויסגעקומען א גרעסערער ציבור ווי אלגעמיין נישט וועלנדיג פארפאסן די הכנה צו חודש אלול בצל הקודש, ווי אויך זענען געווען א גרעסערער צאל בחורים וואס זענען געקומען צו פארן פון קעמפ צו זיין ביים רבי'ן אויף שבת.

ווי יעדע וואך זענען אלעמענס אויגן געווען געווענדן צום מזרח וואנט ווי דער רבי איז געזעסן מעוטף בטליתו, דער רבי איז אריינגעקומען צו מנחה אין די באגלייטונג פון די געטרייע משמשים בקודש, און איז צוגעגאנגען צו זיין פלאץ, און דער "הודו לה' כי טוב" האט אפגעדונערט פון די טויזנטער מתפללים וואס האבן זיך געשפירט אלס מחייבי הודאה בלויז צוליב דעם וואס זיי האבן די זכי' צו דאווענען מיטן רבי'ן אינאיינעם.

ווען דער בעל תפילה איז אנגעקומען צו "**לכה דודי**" האבן די יונגעלייט און די בחורים זיך שוין אנגעהויבן צו שטופן צו די פאדערשטע בענק, טאטעס זענען געקומען צולויפן מיט די קינדער אויף די הענט, אז זיי זאלן קענען זעהן דעם רבי'נס לעכטיגע צורה און די הייליגע עבודה ביי "בואי בשלום" ווי יעדע וואך.

אלע זענען אבער געבליבן געפלעפט און טיף שאקירט ווען עס איז געקומען דערצו און דער רבי האט זיך אויסגעדרייט צום טאנצן "**בואי בשלום**" אנשטאט דעם ווי אלע אלע וואכן וואס ער האט געטאנצן און צומאל געפאטשט מיט די הענט בהתלהבות עצומה, האט דער רבי שלא כהרגילו אויפגעהויבן זיינע הייליגע אויגן און דורכדרינגליך באטראכט דעם גאנצן ציבור מן הקצה אל הקצה, א זאך וואס האט נאך ביז דעמאלטס נישט געהאט פאסירט.

דער רבי האט געקוקט אויפן עולם וואס איז געשטאנען אונטן, ער האט געקוקט אויף די וואס זענען געשטאנען אויף די בענק, א ציטער איז דורכגעגאנגען ביי יעדן אין הארץ זעהנדיג דאס בילד.

די ערשטע אויפפאלענדע זאך וואס עס האט אין דעם שבת קודש פאסירט.

פאר קיינעם פון די טויזנטער וואס זענען דארט געשטאנען, איז אבער אין ווילדסטן חלום נישט איינגעפאלן אז דער רבי געזעגנט זיך יעצט מיטן עולם...

נאכן דאווענען איז דער עולם געסט ווי געווענליך ארויסגעגאנגען צו די גאס וואו מען האט זיך געשטעלט אויף די צוגעגרייטע בענק, דורך וואו מען האט געקענט זעהן דורך די אפענע פענסטער ווי דער רבי זינגט די זמירות און מאכט קידוש. אבער ווידער איז געווען א אינטערעסאנטע זאך, א דבר פלא, ווען דער רבי האט תיכף געהייסן זיך דערלאנגען דעם בעכער צו קידוש און ער האט נישט געזונגען קיין "**שלום עליכם**" אפילו ווען מען האט אים אויפמערקזאם געמאכט דערויף האט ער געזאגט 'איך האלט שוין ביי קידוש', און ער האט קידוש געמאכט כדרכו בקודש.

דער עולם איז געשטאנען אינדערויסן און געשמועסט צווישן זיך, ווארטענדיג צו הערן ווי מען הייבט אינעווייניג אן "**שלום עליכם**" און זיי וועלן מיטזינגען ווי יעדע וואך, דערווייל הערט זיך פון אינעווייניג "אמן", און ווי נאר מען איז ארויפגעקראכן אויף די בענק הערט זיך שוין דער צווייטער "אמן", און דער רבי וואשט זיך שוין נטילת ידים.

דאס האט נאך קיינמאל בעפאר נישט פאסירט, און איז ווידער געווען א שטארק אויפפאלענדע זאך דעם שבת.

ווען מען זאל דען איינפאלן אין די מינוט וואס די גמרא דערציילט אין מס' בבא מציעא (דף פ"ה ע"ב) אז עס איז געווען ההוא מדרבנן, איינער פון די רבנן וועלכער האט געוואלט זען ווי אזוי די צדיקים גייען ארויף צו די ישיבה של מעלה, האט אים אליהו הנביא אנגעזאגט אז ער מעג קוקן אויף אלע צדיקים, אויסער אויף רבי חייא, און ער האט אים געגעבן א סימן ווען ער מעג קוקן און ווען נישט, אז אלע צדיקים גייען ארומגענומען און באגלייט מיט מלאכים, אויסער רבי חייא 'מנפשי' סליק ונחית' ער גייט אליין ארויף און אראפ, ער גייט נישט מיט קיין מלאכים.

ווער זאל דען אין יענע מאמענטן קלערן אז דער הייליגער רבי, דער עושה מעשה חייא דעביד שלא תשתכח תורה מישראל, זאגט נישט "**שלום עליכם מלאכי השלום**" ווייל ער נויטיגט זיך שוין נישט אין קיין מלאכים, מנפשיה סליק ונחית, ער גייט אליין ארויף און קיינער דארף אים נישט באגלייטן, קיינער האט דאס נישט געקלערט, דאס התקשרות און צוגעבינדענהייט וואס אנ"ש האבן געהאט אין רבי'ן זי"ע האט קיינמאל נישט געפירט דעם מהלך המחשבה אין דעם ריכטונג.

שבת אינדערפרי איז דער רבי אריינגעקומען צום דאווענען ווי געווענליך, דאס דאווענען איז געווען מיט א דערהויבענקייט ווי נאטורליך שבת מברכים אלול במחיצת הקודש, עס דערציילן אידן וואס זענען געשטאנען דערביי און נישט אראפגענומען קיין אויג פונעם רבי'ן, ווען מען האט געענדיגט די "**פסוקי דזמרה**" האט דער רבי אנגעהויבן כהרגלו דעם "**עד הנה**" און געזאגט דעם נשמת מיט א געוואלדיגע ברען אז דער גאנצער גוף הטהור האט זיך געווארפן, מען האט אבער ליידער גארנישט געהערט, און דער ציבור האט נישט געהערט דעם רבי'נס קול, אזוי אז דער משב"ק האט צו 'שוכן עד' צוגעשיקט א צווייטן צום עמוד.

די זעלבע איז געווען ביים "**חודש בענטשן**", ווען דער רבי האט גענומען די ספר תורה אין די האנט, און 'חודש געבענטשט' האט מען ליידער נישט געהערט, עס איז געווען שפתותיו נעות וקולו לא ישמע, דער רבי איז געשטאנען ביים באלעמער וואס איז געווען ביי זיין פלאץ אויף מזרח, זיין

# אגרא דבי הילולא

פנים איז געווען אויסגעדרייט כלפי העם אויף מערב זייט, און דער ציבור האט געזעהן ווי דער רבי זאגט, אבער מען האט נישט געהערט.

דער ציבור פון די טויזנטער חסידים וועלכע האבן געווארט צו הערן דעם הייליגן רוף פון "**ראש חודש אלול יהיה...**" זענען אנטוישט געווארן ווען דער רוף איז נישט געהערט געווארן, און אלע האבן געזען אז דעם רבי'נס מצב הבריאות איז נישט אין ארדענונג און אין אלעמענס הערצער האט געפאכעט א ציטער און א האפענונג פאר א רפואה שלימה בקרוב.

דער ציבור האט זיך ארויסגעשארט פון ביהמ"ד מיט פארזארגטע אויגן, יעדער האט געקוקט איינער אויפן צווייטן מיט פרעגענדיגע אויגן 'איז דער מצב טאקע ערנסט? צי איז דאס נאר א דורכלויפענדער שרעק?" יעדער איז זיך אהיימגעגאנגען צו זיך אהיים פראווען די סעודה, ווען דאס הארץ האפט אויפן בעסטן.

ווען דער רבי איז אהיימגעקומען פון בית המדרש נאכן דאווענען האט מען דערקענט אויף פני קדשו א חולשה, דער רבי האט קידוש געמאכט, און דאן האט ער באפוילן זיך צו געבן דעם חומש, דער רבי האט אויפגעמישט צו "ששי" דארט ווי ער האט געהאלטן ביים מעביר סדרה זיין, און ער האט ווייטער געמיטליך מעביר סדרה געווען.

די משמשים האבן באמערקט אז דעם רבי'נס אטעם איז נישט אין ארדענונג, וואס דאס האט געצייגט אז דער רבי האט ל"ע וואסער אין די לונגען.

דער רבי האט געגעסן די סעודה ביי זיך אין שטוב, ווי די אנוועזענדע דערציילן אז ווען עס איז געקומען צו "חי ה'" האט דער רבי געפלאמט און געקאכט אויף א מורא'דיגן אופן, ער האט ממש געשריגן מיט קולי קולות, און באלד נאך חי ה' האט דער רבי איינגעדרימלט פון גרויס שוואכקייט.

דערויף איז אנגעקומען דער דר. הירשטיין א גרויסער לונגען דאקטער וועלכער האט אונטערגעזוכט דעם רבי'ן, און באפוילן אז מען זאל דעם רבי'ן אריינפירן אין שפיטאל תיכף.

נאכמיטאג איז זיך שוין דער ציבור צונויפגעקומען אין בית המדרש זאגן מזמורי תהלים פארן רבי'נס געזונט, באזונדער ווען דער רבי איז נישט געווען ביכולת אריינצוקומען אין בית המדרש צו שלש סעודות האט דאס אלעמען געמאכט ציטערן דאס הארץ אויס זארג פארן רבי'נס געזונט.

דער ציבור וואס האט נאך געהאט די זכי' מיט עטליכע שעה צוריק צו דאווענען אינאיינעם מיטן רבי'ן, וואס האבן נאך זוכה געווען אריינצוגיין אין די הייליגע טעג מיטן רבי'ן אלס שליח ציבור, און האבן זיך געריסט בדחילו ורחימו אז דער רבי זאל ווי אלע יארן דער שליח ציבור אויף די הייליגע טעג, און ער זאל זיין דער ריכטיגער בעטער פאר זיין הייליגע עדה, זיי האבן קוים געווארט אז דער רבי זאל אריינקומען צו שלש סעודות, און ווי אלע וואכן זאל מען הערן דעם קול פון דעם שר צבא וואס איז מכריז די פסוקי יחוד בקול רעש גדול, איז איצט געווען ערשיטערט און צובראכן, דער רבי קומט נישט אריין אין בית המדרש! דער רבי קומט נישט אריין צווישן עולם! ער ווערט אפגעפירט אין שפיטאל...

באלד מוצש"ק ביים זמן איז שוין געקומען א אמבולאנס וואס האט דעם רבי'ן אריינגעפירט אין שפיטאל, דער מצב איז געווען זייער אנגעצויגן אין אלעמענס הערצער האט געציטערט, און יעדער האט מתפלל געווען און געהאפט אויפן בעסטן.

אינמיטן וועג האט זיך דער אמבולאנס צובראכן, און מ'האט דעם רבי'ן אריבערגעפירט אין א קאר, דעמאלטס איז דער רבי אויפגעקומען צום ערשטן מאל, און מיט א צובראכענע שטימע געפרעגט "וואו פארט מען?!" דאס זענען געווען די לעצטע ווערטער.

באלד מוצש"ק האבן די לופט-כוואליעס געטראגן די בשורה איבער אלע וועלט עקן, פונעם בית המדרש הגדול איז די בשורה ארויסגעגאנגען און איז אנגעקומען איבעראל וואו עס געפונט זיך נאר א קבוצה ערליכע אידן, אז "**עורי נא התעוררי נא, בעד הנפש חני נא, דער רבי דארף רחמי שמים!**"

שעות ארוכות האט גענומען דאס תהלים זאגן, דער ציבור האט געזאגט מיט אזא הארציגקייט, מיט אזעלכע געוויינען, מיט אזעלכע בכיות, מען האט זיך געבעטן כבן המתחטא לפני אביו '**אוי, הייליגער באשעפער חוס ורחם עלינו, לאז אונז דא איבער אונזער הייליגער רבי'ן, האב רחמנות אויף דעם כלל ישראל, אויף דעם נעבעכדיגן שארית הפליטה וואס ווערט אזוי געפלאגט און געיאגט, און דער הייליגער רבי זאל דא בלייבן".**

דריי אזייגער פארטאגס האט זיך געענדיגט דער ערשטער גרויסער מנין תהלים, און דער ציבור האט צוביסלעכווייז אנגעהויבן צו שפאנען אויפן וועג ארויס פון בית המדרש, מיט די האפענונג אז מען האט גע'פועל'ט אין הימל, און דער רבי וועט גאר בקרוב אהיימקומען פון שפיטאל און ווייטער באלייכטן די אויגן און די הערצער פון די עדה הקדושה.

דער בית המדרש איז שוין געווען שטארק שיטער ווען איינער לויפט אריין אין בית המדרש מיט אן היסטערישע מינע אויפן פנים, און ער שרייט "רבותי! דער רבי דארף גרויס רחמי שמים! דער מצב איז נישט גוט! מען דארף איינרייסן!"

די עטליכע צענדליג אידן וואס זענען געווען אין בית המדרש זענען ווי פארגליווערט געווארן הערענדיג די בשורה, ביז אין דעם מאמענט האט קיינער נישט באגריפן אז דער מצב איז טאקע אזוי ערנסט, און אז עס פעלט זיך טאקע אויס אזא גרויסע ישועה, ספאנטאן האט זיך ארגאניזירט א צווייטער מנין צו תהלים וואס האט אנגעהויבן פון אנהויב תהלים, און במשך די קומענדיגע איבער צוויי שעה האט זיך געהערט טיפע קרעכצן און געוויינען פון די אידן וואס זענען געזעסן און פארארבעט אפצושרייען די רוע הגזירה און אויסבעטן דעם רבי'ן.

עס איז שוין געווען באלד טאג ווען דער צווייטער מנין האט געענדיגט זאגן די מזמורים פון דעם רבי'נס נאמען לויט די אותיות פון קאפיטל קי"ט, און מען איז זיך צוגעגאנגען, עס האבן זיך שוין אנגעהויבן צו שטעלן מנינים צו שחרית, אין אלע שטיבלעך און פאלישן האט זיך שוין דער ציבור געשטעלט דאווענען, און דאן איז אנגעקומען די שרעקליכע בשורה...

**"נפלה עטרת ראשינו..."**

**זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל**